# לקוטי שיחות



# *Being a Chossid*

## Yud Shvat

## י' שבט

# פרשת בשלח

ט. ווען די אידן זיינען געגאַנגען פון מצרים צום הר סיני מקבל זיין די תורה, האָבן זיי געהאַט אויפן וועג צוויי מלחמות: די מלחמה מיט פרעה'ן און די מלחמה מיט עמלק'ן.

אין היינטיקער סדרה דערציילט די תורה וועגן דעם אָנזאָג פון השי"ת ווי די אידן זאָלן זיך פירן בייביידע מלחמות. ביי מלחמת פרעה איז געווען דער ציווי „ה' ילחם לכם ואתם תחרישון" (ג-ט וועט פאַר אייך מלחמה האַלטן און איר זאָלט שווייגן), און ביי מלחמת עמלק — „צא הלחם בעמלק" (גיי אַרויס האַלט מלחמה מיט עמלק'ן), וואָס מיינט אויך מלחמה פשוט אין גשמיות.

י. דער חילוק פון די צוויי מלחמות איז:

פרעה איז געווען הינטער די אידן. ער איז ניט געשטאַנען צווישן די אידן און דעם באַרג סיני, נאָר צווישן די אידן מיט דעם „הדגה אשר נאכל במצרים", מיט דעם „ואכלו את חלב הארץ". פרעה האָט געשריען אַז ער וועט ניט צולאָזן צום טוב ארץ מצרים, סיידן, אַז מען וועט ווערן זיינע — פרעה'ס — עבדים, אָבער צווישן אידן און מתן תורה איז ער ניט געשטאַנען. דערפאַר איז געווען אין דעם דער סדר — ה' ילחם לכם ואתם תחרישון.

דאַקעגן עמלק איז געשטאַנען צווישן די אידן מיט דעם באַרג סיני' — און דאָ האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן אַן ארץ טובה ורחבה נאָר וועגן אַ מדבר, ווי די רז"ל זאָגן אין מדרש תנחומא אַז די תורה איז גע-געבן געוואָרן דוקא אין מדבר — און האָט ניט געלאָזן די אידן גיין מקבל זיין די תורה.

בשעת עס איז דאָ אַ מונע ומעכב — אַ שטערער און אָפּהאַלטער — צו קבלת התורה, איז הגם הקול קול יעקב והידים ידי עשו, ידים זיינען שייך צו עשו'ן, דאָס איז זיין חלק, ווי עס שטייט ועל חרבך תחי', ווי-באַלד אָבער עס איז דאָ אַ שטערער צו קבלת התורה, רעכנט מען זיך ניט מיט קיינע חשבונות און מען גייט אויף אַלע וועגן און אין אַלע אופנים, אַבי מען זאָל נאָר מקבל זיין די תורה און פאַראייניקן זיך מיט איר.

און דאָס איז דער טעם, וואָס מען האָט מלחמה געהאַלטן מיט עמלק'ן פשוט אין גשמיות. עס איז ניט געווען קיין ענין פון כחי ועוצם ידי, נאָר עס איז געווען אַן ענין פון מלחמה לה', וואָס אין השם שלם ואין הכסא שלם עד שימחה זרעו של עמלק ‏(דעם אויבערשטנס נאָמען און זיין שטול זיינען ניט גאַנץ ביז וואַנען עס וועלן אָפּגעמעקט ווערן די קינדער פון עמלק'ן).

יא. מצד דעם וואָס די מלחמה מיט עמלק'ן איז געווען צוליב קבלת התורה, דערפאַר איז די מלחמה מיט אַלע אירע פרטים, געווען פאַרבונדן מיט משה רבנו — דער וועלכער קבל תורה מסיני.

די מלחמה האָט געשטאַמט פון משה'ן — משה האָט געזאָגט בחר גו' וצא הלחם בעמלק. די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער תפלה פון משה'ן, געפירט זיך דורך אנשי

7) פירוש רש"י על התורה שמות יז, טז.

# CLASSICAL CONCEPTS

1. This week's Parsha tells the story of the Jewish people's journey from Mitzrayim towards har Sinai. On their way they the encountered two wars, one with the Egyptians and one with the nation of Amalek. Interestingly, Hashem instructed them to react very differently to each of these attacks. Regarding the fast approaching Egyptian army, Hashem commanded them to remain silent and promised that He would fight the war on their behalf, as the Possuk writes "ה' ילחם לכם ואתם תחרישון". Hashem's command regarding the army of Amalek was different. Hashem told the Jewish people to "Go out and wage war with Amalek", which means they must actually fight a physical war.

2. There was a very fundamental difference between the war with the Egyptians and the war with Amalek which was the root of the difference between the respective reactions. Paaroh and his army were not



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Were not dealing with | האט זיך ניט געהאנדלט וועגן |
| Was given | געגעבן געווארן |
| Didn't allow | ניט געלאזן |
| A disturbance | שטערער |
| Something holding back | אפהאלטער |
| The voice is the voice of Yakov (Jews use prayer as their weapon) | הקול קול יעקב... |
| And you will live by your sword | ועל חרבך תחי׳ |
| But since | וויבאלד אבער |
| We don't consider | רעכנט מען זיך ניט |
| As long as | אבי |
| Unify | פאראייניקן זיך |
| Waged war | מלחמה געהאלטן |
| My strength and the power of my hand | כחי ועוצם ידי |
| Name | נאמען |
| Stool/seat | שטול |
| Until | ביז וואנען |
| Will be wiped out | וועלן אפגעמעקט ווערן |
| Was for the sake of | געווען צוליב |
| With all of its details | מיט אלע אירע פרטים |
| Connected | פארבונדן |
| Came | געשטאמט |
| Began | אנגעהויבן |
| Was led by | געפירט זיך דורך |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| When | ווען |
| Were going | זיינען געגאנגען |
| They had | האבן זיי געהאט |
| On the way | אויפן וועג |
| Today's | היינטיקער |
| Tells over | דערציילט |
| Regarding the command | וועגן דעם אנזאג |
| Behave/act | פירן |
| Both | ביידע |
| Will wage war for you | פאר אייך מלחמה האלטן |
| You should be quiet | איר זאלט שווייגן |
| Go out | גיי ארויס |
| Which also means | וואס מיינט אויך |
| Behind | הינטער |
| Didn't stand | ניט געשטאנען |
| Between | צווישן |
| Mountain | בארג |
| The fish which we ate in Mitzrayim | הדגה אשר נאכל במצרים |
| And they ate the best of the land | ואכלו את חלב הארץ |
| Screamed | געשריען |
| He will not allow | ער וועט ניט צולאזן |
| Unless | סיידן |
| Become his servants | ווערן זיינע עבדים |
| Therefore | דערפאר |
| On the other hand | דאקעגן |

משה, ווי עס שטייט אין חסידות אויפן פסוק בחר לנו אנשים — אנשי משה, און דער נצחון איז געקומען דורך יהושע — משרת משה.

יב. דער נצחון פון אידן אין מל־חמת עמלק איז געווען העכער פון טבע. על פי טבע וואלט עמלק גע־דארפט מנצח זיין, ווי ער זאגט אין ירושלמי [8] אז עמלק כשפן הי׳, און ער האט אויסגעקליבן אזעלכע מענטשן וואס דארפן על פי סדר הטבע לעבן, און זיי האט ער געשיקט אין מלחמה. און פונדעסטוועגן האט מען אים מנצח געווען, ווייל בשעת מען גייט אויף מלחמה בכח התורה, — און ווי אויבן דערמאנט וועגן „אנשי משה”, אז יע־דער איינער וועלכער איז געגאנגען צו מלחמת עמלק האט געוואוסט אז ער גייט ניט בכחו ועוצם ידו נאר אין שליחות און מיטן כוח פון משה, בשליחות ובכח התורה — דעמאלט איז מען מנצח למעלה מדרך הטבע.

יג. די מצוה פון זכירת עמלק איז דאך יעדן טאג. במילא איז דאס אויבנדערמאנטע א הוראה — אנוויי־זונג — אויף אויף דער מלחמה מיטן עמלק הרוחני פון יעדן טאג.

אויף עמלק׳ן שטייט „אשר קרך”, ער האט אפגעקילט אידן פון זייער קאך און התלהבות צו קבלת התורה. בשעת אידן זיינען געשטאנען אין דער גרעסטער התלהבות, אזא התלה־בות וואס האט גע׳פועל׳ט אפילו אויף די אומות העולם, ווי עס שטייט דער משל אין מדרש תנחומא פון אמבטי רותחת (א קאכעדיקע וואנע), אלע האבן געזען אז דאס איז א פלאם פייער, דעמאלט איז געקומען עמלק אויף אפקילן אידן פון דער התלהבות צו גיין מקבל זיין די תורה.

און בשעת עס געפינט זיך א זאך וואס קילט אפ פון תורה, האבן מיר אויף דעם די אנווייזונג ווי אויבן דערמאנט: א) אז מען דארף נוצן אלערליי מיטלען, אויף מלחמה האלטן מיט דעם, אבי נאר מקבל זיין די תורה. ב) מען דארף וויסן אז מען טוט עס ניט בכחו ועוצם ידו (מיטן אייגענעם כוח און זעלבסט־קראפט) נאר בכחו של משה, בכוח התורה.

יד. אויפן פסוק וישמע יתרו, זאגן רז"ל מה שמועה שמע ובא — מלחמת עמלק. די שמועה האט דערלאנגט אויך אין מדין. און דאס וואס יתרו האט געזאגט עתה ידעתי, איז געווען אן הכנה צו מתן תורה, ווי עס שטייט אין זוהר.

אזוי אויך איצטער, אז מען וועט גיין מלחמה האלטן מיט דעם עמלק הרוחני און בכחו של משה, וועט דאס פועל׳ן אומעטום אפילו אין מדין [9], און דאס וועט זיין א הכנה צו גילוי וקבלת פנימיות התורה, וואס עס וועט מגלה זיין משיח צדקנו בב"א.

(משיחת יו"ד שבט, תשט"ז)

## ט"ו בשבט

טו. חמשה עשר בשבט איז ראש השנה לאילנות. כאטש עס איז דא א פלוגתא אין דעם, און בית שמאי האלטן אז ראש השנה לאילנות איז באחד בשבט, איז דאך אבער, בית שמאי ובית הלל הלכה כב"ה, און נאך מער, ב"ש במקום ב"ה אינה

8) ראש השנה סוף פרק ג.

9) זע דרושי החלצו (אין לקוטי תורה פרשת מטות ובכ"מ).

# CLASSICAL CONCEPTS

chasing the Jewish people in order to stop them from receiving the Torah. Paaroh's only intention was to bring the Jewish people back to Mitzrayim in order to be his slaves. This being the case, Hashem told the Jewish people that as long as they kept moving towards their goal, He would ensure that Paaroh wont disturb them.

3. Amalek, on the other hand, had a very different goal in mind. Amalek's sole intention was to stop the Jewish people from reaching Har Sinai and receiving the Torah. Hashem was teaching the Jewish people that when there is something that stands between you and the Torah you are trying to receive, you must go to every extreme to ensure they aren't successful. Although in general the Jewish nation aren't a people of war, when there is an obstacle between them and the Torah it is not a time for calculations and all measures must be taken to overcome it. This is why the Jewish people were commanded to physically fight with Amalek. They were not fighting their own battle, but rather a war of Hashem in order to go receive the Torah and become unified with it.

4. Being that the war with Amalek was associated with the receiving of the Torah, it was therefore directly connected to the one who received the Torah, Moshe Rabeinu. Moshe was the one who instructed the people to go wage war with Amalek. The actual battle began with a prayer of Moshe. The war was fought by "Moshe's men". And the victory came about through Yehoshua who was Moshe's personal aid.



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | וואָרט | טייטש | וואָרט |
|---|---|---|---|
| Stood | געשטאנען | Victory came | נצחון איז געקומען |
| Greatest | גרעסטער | Higher | העכער |
| Affected | גע׳פועל׳ט | Amalek were people of witchcraft | עמלק כשפן הי׳ |
| A boiling hot bath | א קאכעדיקע וואנע | Chose | אויסגעקליבן |
| Everyone saw | אלע האבן געזען | Live | לעבן |
| Burning fire | פלאם פייער | Sent | געשיקט |
| There is something | געפינט זיך א זאך | Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| We have | האבן מיר | Since | ווייל |
| We must use | מען דארף נוצן | Like mentioned previously | ווי אויבן דערמאנט |
| All means | אלערליי מיטלען | Went | געגאנגען |
| Own work | זעלבסט-קראפט | Knew | געוואוסט |
| What did he hear that made him come | מה שמועה שמע ובא | Then | דעמאלט |
| Also reaches | דערלאנגט אויך | Every day | יעדן טאג |
| Now I know | עתה ידעתי | Lesson | אנווייזונג |
| Now | איצטער | Who "met" you (who made you cold) | אשר קרך |
| Everywhere | אומעטום | Cooled off | אפגעקילט |
| Speedily in our days | בב״א (=במהרה בימינו אמן) | Fire and excitement | קאך און התלהבות |

# יו"ד שבט

...י. (אחד שאל בענין שליחות שהע־מיס עליו כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, וענה:) ווען דער רבי דער שווער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט אים דער רבי נ"ע געגע־מען צו זיך בתור זיין מזכיר אין עסקנות הכלל.

אויף אַ געוויסער אסיפת הרבנים וואָס איז דאַן פאָרגעקומען (כמדומה אין קאָוונע), האָט דער רבי נ"ע גע־שיקט דעם רבי'ן בתור זיין פאָר־שטייער. אַזוי ווי דער רבי איז נאָך דאַן געווען יונג, פופצן יאָר, האָט דער רבי נ"ע מיטגעשיקט מיט אים דעם רשב"ץ[24]. רשב"ץ איז געווען זייער אַ קלוגער איד. דער רבי נ"ע האָט אים אָבער אָנגעזאָגט, הגם ער שיקט אים טאַקע מיט, פונדעסטוועגן זאָל ער וויסן אַז וואָס ווייניקער ער וועט זיך מישן, וועט זיין אַלץ גלייכער.

(וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א:) ובמ־כל שכן פון דעמאָלט — וואָס דאַרף מען זיך מישן אין דעם רבי'נס עני־נים?! מען דאַרף אים ניט געבן קיין עצות און ניט זאָגן קיין דעות. מען דאַרף אויספירן דעם ענין וואָס ער האָט געוואָלט, און וואָס ווייניקער מען וועט זיך מישן מיט אייגענע פירושים — וועט זיין אַלץ גלייכער.

* * *

...יב. (אחרי המאמר אמר כ"ק אד־מו"ר שליט"א:) איצטער הערט זיך אין אידן! בכלל ביי חב"ד האָט מען געמאָנט אַז מען דאַרף אַליין טאָן. ניט פאַרלאָזן זיך אויף די רביים.

24) תולדותיו ראה התמים חלק א עמוד סז, וראה ספר השיחות קיץ הש"ת עמוד 91.

וואָס דאָס איז דאָך דער הפרש[25] צווישן פוילן און חב"ד, וואָס דאָרט איז דאָך געווען די שטה וצדיק באמונ־תו יחיה, אל תקרי יחיה (החי"ת בשבא) אלא יחיה (החי"ת בפתח). איז דאַרפן מיר אַלע אַליין טאָן, מיט די רמ"ח אברים ושס"ה גידים פון גוף, און די רמ"ח אברים ושס"ה גידים פון נשמה, עס שטייט דאָך הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים[26]. איך זאָג זיך ניט אָפּ ח"ו פון העלפן. העלפן וויפל מען וועט קענען. אָבער הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים, במילא אויב מען טוט ניט אַליין — איז וואָס וועט העלפן וואָס מ'גיט כתבים, מ'זינגט ניגונים, מ'זאָגט לח־יים. דער רבי פלעגט אַמאָל זאָגן: לייגט זיך ניט קיין פויגעלעך אין בוזעם. מען דאַרף אַליין מהפך זיין דעם שטות דלעומת זה און דעם קאָך פון נפש הבהמית — אויף קדו־שה.

יג. דעם משכן האָט משה אַליין געקענט מאַכן, אַזוי אויך דעם בית המקדש האָט דוד אַליין געקענט מאַכן, נאָר ער האָט געוואָלט מזכה זיין אַלע אידן. ווען דער רבי האָט גע־שריבן די ספר תורה לקבלת פני משיח צדקנו, האָט ער געזאָגט אַז ער וויל ניט דעם ענין פאַר זיך אַליין, נאָר ער וויל האָבן די השתת־פות פון אַלע אידן, כדי צו מזכה זיין דערמיט כלל ישראל. און פשיטא אַז די דירה בתחתונים וואָס מ'דאַרף מאַכן, דאַרפן זיך אין דעם משתתף זיין מיר אַלע און אַלע אידן. יעדע־

25) זע לקוטי דיבורים (ח"א) עמוד 282.
26) ברכות לג, ב.

# CLASSICAL CONCEPTS

5. The victory over the people of Amalek was one which superseded the rules of nature. According to nature, the nation of Amalek was bound to be victorious. The Gemara writes that Amalek was a people of witchcraft who were able to ensure they wouldn't be killed. Nevertheless, the Jewish people were victorious. The miraculous victory came about because of the Jewish people's realization that they were not fighting with their own strength, but rather with the strength of the Torah. They recognized that they were "Moshe's men" who therefore had the power of the Torah behind them and were not bound by the rules of nature.

6. Every Jew has a Mitzvah to remember what Amalek did to the Jewish people every single day. The way the Jewish people reacted to the attack of Amalek teaches us a valuable lesson regarding this obligation. Amalak represents a coldness to spir-



# טייטש TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| הערט זיך איין | Listen up |
| געמאנט | Demanded |
| מען דארף אליין טאן | Everyone must work themselves |
| ניט פארלאזן זיך | Not depend |
| דער הפרש צווישן | The difference between |
| פוילן | The Chassidim of Poland |
| צדיק באמונתו יחי׳ | A Tzadik lives with his faith |
| אל תקרא יחי׳ | Don't read "lives" |
| אלא יחי׳ | Rather "makes (others) live" |
| מיר אלע | All of us |
| איך זאג זיך ניט אפ | I'm not "removing" myself |
| פון העלפן | From helping |
| וויפל מען וועט קענען | However much (I) can |
| מ׳גיט כתבים | We give writings |
| לייגט זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם | Don't place birds in your pockets |
| (i.e. don't fool yourself) | (i.e. don't fool yourself) |
| געקענט מאכן | Could have made |
| ער האט געוואלט | He wanted |
| מזכה זיין | To give others the merit |
| געשריבן | Wrote |
| וויל ניט | Doesn't want |
| פאר זיך אליין | For himself |
| דערמיט | With this |

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| שהעמיס עליו | Placed upon him |
| כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה... | The Frierdiker Rebbe |
| שווער | Father in law |
| אלט געווארן פופצן יאר | Was fifteen years old |
| גענומען צו זיך | Took for himself |
| בתור זיין מזכיר | As his secretary |
| עסקנות הכלל | Public affairs |
| געוויסער | Specific |
| אסיפת הרבנים | Gathering of Rabonim |
| דאן פארגעקומען | Occurred then |
| רבי נ״ע | Rebbe Rashab |
| געשיקט | Sent |
| פארשטייער | Representative |
| נאך דאן געווען יונג | Was then still young |
| מיטגעשיקט | Sent with |
| רשב״ץ (=ר׳ שמואל בצלאל) | (The Frierdiker Rebbe's teacher) |
| זייער א קלוגער | Very smart |
| אנגעזאגט | Commanded |
| וואס ווייניקער | However much less |
| ער וועט זיך מישן | He will mix in |
| וועט זיין אלץ גלייכער | All will go smoother |
| ניט געבן קיין עצות | Not give any ideas |
| אויספירן | Fulfill/complete |
| געוואלט | Wanted |
| איצטער | Now |

דער דאַרף אַליין טאָן, ממלא זיין זיין שליחות. עס זיינען געבליבן נאָר פכים קטנים, און אַז מ'וועט דאָס אָפּטאָן וועט זיין דער ועלו מושי־עים, אַז די שלש קליפות הטמאות וועט מען מדחה זיין און קליפת נוגה וואָס דאָס איז דער כללות העולם וועט מען מעלה זיין, וועלן דעמאָלט ג' קליפות הטמאות בטל ווערן און עס וועט זיך אויספירן דער תכלית הבריאה, עס וועט זיין דירה לו יתב־רך בתחתונים.

יד. (צוה לנגן אחד הניגונים מכ"ק אדמו"ר האמצעי, ואחרי הניגון אמר:) מ'האָט דאָך גערעדט י"ט כסלו אַז מ'זאָל מסדר זיין חלוקת המשניות און יעדער איינער זאָל נעמען פינף פרקים מסיים זיין ביז יו"ד שבט, וואָס געוויס האָבן דאָך אַלע מסיים געווען, אַזוי ווי עס איז דאָך אַ מנהג ישראל אַז צו אַ סיום זאָגט מען עפּעס בהסיום — וועל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער בקיצור.

אין דער משנה וואָס פאַר דער לעצטער משנה זאָגט ער: חלות דבש מאימתי מיטמאות משום משקה מש־יהרהר[27], בית הלל אומרים משיר־סק. דאָס הייסט בית שמאי האַלטן אַז מיט מחשבה אַליין שטעלט זיך איבער אַ זאַך, און בית הלל האַלטן אַז מען דאַרף האָבן אַ פּעולה.

הגם אַז בית שמאי במקום בית הלל אינה משנה, אָבער לעתיד לבא וועט דאָך זיין הלכה כבית שמאי[28], און אַזוי ווי איצטער גייט דאָך שוין צו לעתיד לבא, פּראַקטיק בייטאָג איז דאָך דער ענין פון טועמי', טועם זיין פון דעת בית שמאי — מיט מחשבה אַליין זאָל מען שוין איבער־געשטעלט ווערן.

אכל בי עשרה שכינתא שריא[29]. ובפרט אַז ס'איז דאָ פאַראַן כמה פּעמים עשרה, ובפרט אין בית הכנסת ובית המדרש, וואָרום ס'איז דאָך פאַ־ראַן אַ מעלה אין בית הכנסת לגבי בית המדרש און אין בית המדרש לגבי בית הכנסת, הייינט איצטער אַז מען געפינט זיך אין בית הכנסת און אין בית המדרש, און עס איז פאַ־ראַן כמה פּעמים עשרה, וביתר שאת ויתר עז אַז מען געפינט זיך אין רבי'נס ד' אמות וואָס דאָ האָט ער געלעבט כמה וכמה שנים און דאָ האָט ער געדאַוונט, מילא שטייט דאָך יעדער איינער אין אַ התעוררות אַז פון הייינט אָן וועט ער זיין כדבעי' למהוי, און אַזוי ווי עס גייט דאָך צו לעתיד, איז הלכה כבית שמאי אַז מחשבה אַליין שטעלט איבער, און עס וועט זיין די יציאה מן המיצר אל המרחב.

טו. צום סוף — במשניות — איז ער מסיים, לא מצא הקב"ה כלי מח־זיק ברכה לישראל אלא השלום. אַזוי זאָגן מיר אויך, ברכנו אָבינו כולנו כאחד באור פניך. וואָס דורך שלום

27) יש עוד גירסא „משיתחרחר", אמנם גירסת י"א בפירוש ר' האי גאון ועוד הוא — משיהרהר.

28) ראה מדרש שמואל לאבות פרק ה משנה יט. מקדש מלך לזהר חלק א יז, ב. לקוטי תורה ד"ה ויקח קורח סוף פרק ד.

29) סנהדרין לט, א.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש | ווארט | טייטש |
|---|---|---|---|
| געבליבן | Remains | מדחה זיין | Push away |
| נאר פכים קטנים | Only small jugs | אויספירן | Accomplish |
| אפטאן | Finish | | |

ituality. At the time when the Jewish people were standing strong with the greatness spiritual excitement which was generated by the miraculous wonders they had just witnessed, Amalek came in order to "cool them off". The Jewish people were then compared to a burning bath which no one dared enter yet Amalek had the audacity to confront them with war. Every single Jew has daily struggles with his own version of Amalek, things that try to cool off his excitement about spirituality and get in the way of him receiving the Torah. We learn from the Jewish people in the desert that when "Amalek" comes, one must wage an actual war with every possible power he has in order to destroy it. Additionally, it is also important for a person to realize that he is not battling with his own strength, but rather the strength of Moshe Rabeinu and the power of the Torah.

7.Moshe's father in law, Yisro, heard about all the things that had happened to the Jewish people on their way out of Mitzrayim and was inspired to join them. The Chachomim tell us that what had actually inspired him to come was the war with Amalek. Yisro's recognition that Hashem was the ultimate truth served as a preparation for the giving of the Torah. So too, our spiritual battle against the Amalek in our lives serves as a preparation for the giving of the deep secrets of the Torah which will be revealed to us with the coming of Moshiach.

## יו"ד שבט

1. During the Rebbe's first Farbrengen after he officially accepted the Nesius someone asked about a certain Shlichus they were given by the Frierdiker Rebbe. The Rebbe responded by saying that when the Frierdiker Rebbe was merely fifteen he was appointed as his father's secretary for communal affairs. When there was a gathering of Rabonim to discuss certain matters, the Rebbe Rashab sent the Frierdiker Rebbe as his representative. Since the Friediker Rebbe was still quite young the Rebbe Rashab asked the famed Chossid, Reb Shmuel Betzalel, to accompany him on the trip. Although Reb Shmuel Betzalel was an extremely intelligent individual, the Rebbe Rashab made it clear to him that the less he would mix into The Frierdiker Rebbe's decisions, the better things would turn out. The Rebbe concluded from this story that it is not someones business to mix his own calculations into the Rebbe's affairs. Our job is to fulfill the tasks we were given without questioning. And just as the Rebbe Rashab told Reb Shmuel Betzalel, the less we mix in our own ideas, the better things will be.

2. After the Rebbe concluded his first Maamer, Basi L'gani, he turned to the Chassidim and said. "Now, listen up Jewish people! In general by Chabad it was demanded that everyone must work, and not merely depend on the Rebbeim. This is the difference between the Chassidim of Poland and Chabad Chassidim. In Poland they were of the opinion that a Tzadik not only lives through his Emunah, but actually makes his



# GETTING STARTED

A SELECTED SECTION OF THE SICHA

חלק פרטי מהשיחה עם תרגום ליניארי

WITH A LINEAR TRANSLATION

...י. (אחד שאל בענין שליחות שהעמיס עליו כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע, וענה:) ווען דער רבי דער שווער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט אים דער רבי נ״ע געגור מען צו זיך בתור זיין מזכיר אין עסקנות הכלל.

אויף אַ געוויסער אסיפת הרבנים וואָס איז דאַן פאָרגעקומען (כמדומה אין קאָוונע), האָט דער רבי נ״ע געשיקט דעם רבי׳ן בתור זיין פאָרשטייער. אַזוי ווי דער רבי איז נאָך דאַן געווען יונג, פופצן יאָר, האָט דער רבי נ״ע מיטגעשיקט מיט אים דעם רשב״ץ[24]. רשב״ץ איז געווען זייער אַ קלוגער איד. דער רבי נ״ע האָט אים אָבער אָנגעזאָגט, הגם ער שיקט אים טאַקע מיט, פונדעסטוועגן זאָל ער וויסן אַז וואָס ווייניקער ער וועט זיך מישן, וועט זיין אַלץ גלייכער.

(וסיים כ״ק אדמו״ר שליט״א:) ובמכל שכן פון דעמאָלט — וואָס דאַרף מען זיך מישן אין דעם רבי׳נס ענינים?! מען דאַרף אים ניט געבן קיין עצות און ניט זאָגן קיין דעות. מען דאַרף אויספירן דעם ענין וואָס ער האָט געוואָלט, און וואָס ווייניקער מען וועט זיך מישן מיט אייגענע פירושים — וועט זיין אַלץ גלייכער.

* * *

...יב. (אחרי המאמר אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א:) **איצטער הערט זיך איין אידן! בכלל ביי חב״ד האָט מען געמאָנט אַז מען דאַרף אַליין טאָן. ניט פאַרלאָזן זיך אויף די רביים.**

**וואָס דאָס איז דאָך דער הפרש[25]) צווישן פוילן און חב״ד, וואָס דאָרט איז דאָך געווען די שטה וצדיק באמונתו יחי׳, אל תקרי יחי׳ (החי״ת בשבאָ) אלא יחי׳ (החי״ת בפתח). איז דאַרפן מיר אַלע אַליין טאָן, מיט די רמ״ח אברים ושס״ה גידים פון גוף, און די רמ״ח אברים ושס״ה גידים פון נשמה, עס שטייט דאָך הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים[26]). איך זאָג זיך ניט אָפּ ח״ו פון העלפן. העלפן וויפל מען וועט קענען. אָבער הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים, במילא אויב מען טוט ניט אַליין — איז וואָס וועט העלפן וואָס מ׳גיט כתבים, מ׳זינגט ניגונים, מ׳זאָגט לחיים. דער רבי פלעגט אַמאָל זאָגן: לייגט זיך ניט קיין פויגעלעך אין בוזעם. מען דאַרף אַליין מהפך זיין דעם שטות דלעומת זה און דעם קאָך פון נפש הבהמית — אויף קדושה.**

יג. דעם משכן האָט משה אַליין געקענט מאַכן, אַזוי אויך דעם בית המקדש האָט דוד אַליין געקענט מאַכן, נאָר ער האָט געוואָלט מזכה זיין אַלע אידן. ווען דער רבי האָט געשריבן די ספר תורה לקבלת פני משיח צדקנו, האָט ער געזאָגט אַז ער וויל ניט דעם ענין פאַר זיך אַליין, נאָר ער וויל האָבן די השתתפות פון אַלע אידן, כדי צו מזכה זיין דערמיט כלל ישראל. און פשיטא אַז די דירה בתחתונים וואָס מ׳דאַרף מאַכן, דאַרפן זיך אין דעם משתתף זיין מיר אַלע און אַלע אידן. יעדע־

---

24) תולדותיו ראה התמים חלק א עמוד סז, וראה ספר השיחות קיץ ה׳ש״ת עמוד 91.

25) זע לקוטי דיבורים (ח״א) עמוד 282.

26) ברכות לג, ב.

# טייטש׳ן
# TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| איצטער הערט זיך איין אידן ! | Now, Jews listen up, |
| בכלל ביי חב״ד | in general by Chabad |
| האט מען געמאנט | it was demanded |
| אז מען דארף אליין טאן. | that everyone must work himself |
| ניט פארלאזן זיך | (and) not depend |
| אויף די רביים. | on the Rebbeim. |
| וואס דאס איז דאך דער הפרש | (which) This is the difference |
| צווישן | between |
| פוילן און חב״ד | the Chassidim of Poland and Chabad; |
| וואס דארט איז דאך געווען | over there it was |
| די שיטה | the opinion |
| וצדיק באמונתו יחי׳, | “And a Tzadik lives through his faith”, |
| אל תקרי יחי׳ (החי״ת בשבא) | don’t read “Yichye”-“lives” |
| אלא | rather |
| יחי׳ (החי״ת בפתח). | “Yichaye”- “Makes others live”. |
| איז דארפן מיר אלע | We must all |
| אליין טאן | work ourselves |
| מיט די רמ״ח אברים | with the 248 limbs |
| ושס״ה גידים פון גוף | and 365 sinews of the body, |
| און די רמ״ח אברים | and the 248 limbs |
| ושס״ה גידים פון נשמה | and 365 sinews of the Neshomo. |
| עס שטייט דאך | It is stated |
| הכל בידי שמים | “All is in the hands of heaven |
| חוץ מיראת שמים. | Except for fear of heaven”, |
| איך זאג זיך ניט אפ פון העלפן. | I am not removing myself from helping (you) |
| העלפן | (I will) help |
| וויפל מען וועט קענען. | however much (I) can, |
| אבער הכל בידי שמים | but everything is in the hands of heaven |
| חוץ מיראת שמים, | except for fear of heaven, |
| במילא | automatically, |
| אויב מען טוט ניט אליין - | if one does not work himself, |
| איז וואס וועט העלפן | what will it help |
| וואס מ׳גיט כתבים, | that writings (of the Rebbe) will be given, |
| מ׳זינגט ניגונים | Niggunim will be sung, |
| מ׳זאגט לחיים. | L’chaim wil be said? |
| דער רבי פלעגט אמאל זאגן: | The Rebbe would say |
| לייגט זיך ניט קיין פויגעלעך אין בוזעם. | “Don’t place birds in your pockets” i.e. don’t fool yourself |
| מען דארף אליין מהפך זיין | you must transform on your own |
| דעם שטות דלעומת זה | the craziness of Klipa |
| און דעם קאך פון נפש הבהמית - | and the energy of the animal soul |
| אויף קדושה. | into holiness. |



# R KNOWLEDGE!

5. **WHAT** lessons can be learned from the way the Yidden fought with Amalek?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

6. **WHAT** was the Rebbe trying to teach with the story of The Frierdiker Rebbe and the Rashbatz?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

7. **WHAT** was the Rebbe trying to teach with the story of The Frierdiker Rebbe and the Rashbatz?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

3. The Rebbe continued " Moshe Rabeinu was able to make the Mishkan on his own and Dovid Hamelech was able to build the Beis Hamikdosh on his own but they wanted to share the great merit with the entire Jewish people. When the (Frierdiker) Rebbe was writing the Sefer Torah to greet Moshiach he said that he does not want the project to be his own but rather something that everyone should participate in and merit from. Obviously, everyone must participate in the transformation of this world into a dwelling place for Hashem. Everyone must work and accomplish the task that was placed upon them. Only "small jugs" have remained and as soon as we finish the Avodah, Moshiach will come. The pure evil will be eradicated and the world will be elevated to spirituality. The purpose of creation will be accomplished and Hashem will have a dwelling place in this low world".

# SHOW OFF YOU

1. **WHAT** were the two wars the Yidden encountered on their way out of Mitzrayim?

2. **HOW** did they respond to each one?

3. **WHY** was each reaction different?

4. **WHAT** does Amalek represent in our lives?

## CLASSICAL CONCEPTS

Chassidim live as well. We must all work with our entire body and our entire soul. It says that everything is in the hands of heaven besides for fear of heaven. I am not removing myself from helping, I will help however much is possible. But being that everything is in the hands of heaven besides for fear of heaven, if one will not work on his own, what will it help that writings of Chassidus will be given out, and Niggunim will be sung and Lchaim will be said? The (Frierdiker) Rebbe used to say 'don't put birds in your pocket' (don't fool yourself), everyone must work to transform the excitement and craziness of the animal soul into holiness".



# NOTES:

# NOTES:

BACK2BASICS

seeing the Parsha like the Rebbe does

© B2B Sichos Cover: Leibel Krinsky ' & Concepts: Dovid Rachmani Layout: Menachem Aron

To sponsor, or To receive this booklet weekly via email, contact b2bsichos@gmail.com